בעזהשי"ת

# קונטרס

# אַ בְּרֶסְלֶבֶער חָסִיד

וָואס דָאס אִיז אַ וואונְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען
אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם
לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהַרָא"ש זי"ע

## פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראפארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

# אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד

א.

אִיךְ ווִיל דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען קֶען צוּרִיק אָנְהֵייבְּן דֶעם שִׁיעוּר, כָאטְשׁ אִיךְ דַארְף נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים וַוייל אִיךְ פִּיל זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ וְכוּ׳, אָבֶּער חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מֶען קֶען זִיךְ צַאם קוּמֶען רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער הִתְחַזְקוּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי״ע אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן

רֶבִּי״ן, כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אֲפִילוּ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אוּן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם מֶענְטְשְׁן, נָאר בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ תַּלְמִידִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים. לְמָשָׁל רֶבִּי יוּדְל זצוק״ל אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זי״ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מַפְלִיא גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנג): ״אַשְׁרֵי הָעֵינַיִם שֶׁרָאוּ אֶת רֶבִּי פִּנְחָס״ ווַאוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: רֶבִּי פִּנְחָס אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חַד בְּדָרָא׳ אִין זַיין צַייט. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן נָאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים לוֹמְדִים אוּן עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.

הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מֶער, אָבֶּער וֶוען

אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהוֹילְט דֶעם קָאפּ אִינְגַאנְצְן, אוּן גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִבּוּר אִיז דָאס אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל, נָאךְ אַ דִבּוּר אִיז דָאס נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל. אִיז דָאךְ אַוַודַאי הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים: לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן; דַארְף מֶען וִויסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי סְפָרִים אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין דִמְיוֹן, אָבֶער וָואס עֶס שְׁטֵייט יָא אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים, דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִבּוּר דַארְף מֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין בִּיזְן סוֹף. לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ב): אִיךְ הָאבּ זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶוען, אַז וֶוען דֶער טָאג אִיז גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן דֶעם טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם טָאג צוּ דִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פִירְן אַזוֹי

וִוי דוּ ווילְסְט, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַגַאנְצְן טָאג גֶעווּאוּסְט אַז אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶס זָאל זִיךְ פִּירְן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל; דַארְף מֶען זֶעהן דָאס מְקַיֵים צוּ זַיין, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען מְקַיֵים זַיין אַלֶע שִׂיחוֹת מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן בֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אִין דִי הַקְדָמָה פוּן לִקוּטֵי תְּפִלוֹת: אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים אִיז פַארְהַאנֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אָבֶער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דַארְף מֶען עֶס בַּאוַואסֶערְן מִיט תְּפִלָה; דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵים זַיין, אוּן זִיךְ קֶענֶען וֵוייקְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין׳ס דִבּוּרִים.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי הִתְחַזְּקוּת אוֹיכֶעט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ג): מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, גָא-ט אִיז גְרוֹיס, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, עֶס טוּעֶן זִיךְ אַזַאלֶעכֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּעֶן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּעֶן קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: דֶער תְּמִימוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ. דֶערְפַּאר אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס דִבּוּרִים, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אַ אוֹיסְנַאם הָאט אִין זִיךְ אָנֹכִיוּת [יֵשׁוּת וְגֵאוּת], דָאס הֵייסְט ׳אִיךְ׳ אוּן נָאכְאַמָאל ׳אִיךְ׳. אֲפִלּוּ אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע הֵייבְּט שׁוֹין אָן מִיט ׳אִיךְ׳ ׳אִיךְ׳, עֶר סְטְרַאשֶׁעט: ׳מַיין׳ טַאטֶע אִיז אַ פָּאלִיסְמַאן, ׳מַיין׳ טַאטֶע וֶועט דִיר קוּמֶען הַרְגְ׳נֶען, ׳מַיין׳ טַאטֶע וֶועט דִיר שְׁלָאגְן, אוּן וֶוען עֶר וֶוערְט גְרֶעסֶער זָאגְט עֶר

שׂוֹין: 'אִיךְ' וֶועל דִיר שְׁלָאגְן 'אִיךְ' בִּין שְׁטֶערְקֶער, אַלְץ דֶער 'אִיךְ', וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט דֶעם, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אִיךְ - קַיין אֲנִי, אֲנִי אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֲנִי אִיז דִי אוֹתִיוֹת אַיִן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כב): **אֲנִי אִיז דִי נְשָׁמָה.** אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, נָאר דֶער גוּף פַארְדֶעקְט עֶס, אוּן דָאס אִיז דֶער יֵשׁוּת וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נב): אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, זָאל עֶר נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִדָּה נָאכְן אַנְדֶערְן אוּן אוֹיסְבֶּעטְן דָאס צוּ קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, בִּיז מֶען צוּבְּרֶעכְט אַלֶע מִדּוֹת אוּן מֶען הָאט שׂוֹין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, דָאךְ בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער 'אַבִּיסֶעלֶע'. וָואס אִיז דֶער 'בִּיסֶעלֶע'? דָאס גֵאוּת אוּן דָאס יֵשׁוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ'ל קָאמַארְנֶער

זי״ע בְּרֶענְגְט (נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ, בְּהַקְדָּמָה) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס נְשָׁמָה אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן פָּסוּק (תְּהִלִים לו, יב): ׳אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה׳, אוֹיךְ בַּיים אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ אִיז אַזוֹי אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל (דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם, בְּלִקוּטִים): אַז עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיפְן שׂוֹיס פוּן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ אַלְץ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע, הָאט דֶער זֵיידֶע אִים אַמָאל גֶעזָאגְט: זֶעהסְט, דָא זִיצְט אַ אִיד וָואס הֶערְט תּוֹרָה לֹא מִפִּי מַלְאָךְ וְלֹא מִפִּי שָׂרָף נָאר פוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא יֶעדֶע מִינוּט עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין פַּאלְן בְּנוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוער אִיז יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער! דֶעמָאלְט אִיז עֶר שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, אוּן דָאס הֵייסְט עֲלִיַּת הַמַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א, סִימָן ד), אִיךְ בִּין מְקַבֵּל אוֹיף מִיר עוֹל מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, דָאס הֵייסְט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס חַזֶר אִיךְ שְׁטֶענְדִיג. אָבֶער וִויבַּאלְד

דֶער גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, וֶועגְן דֶעם טְשֶׁעפֶּעט אֵיין מֶענְטְשׁ דֶעם אַנְדֶערְן.

אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין, הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אַסַאך בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען רַייכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַ עוֹשֶׁר אִיז אַן עַזוּת פָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, כג): **עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת.** אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן סד): אַ עוֹשֶׁר אִיז אַ מְשׁוּגָענֶער. אוּן דִי דֶרֶךְ פוּן עֲשִׁירִים אִיז, אַז זֵיי וִוילְן אַלֶע זִיצְן אוֹיבְן אָן, אָבֶער וִוי אַ גְרוֹיסֶער אוֹיבְן אָן קֶען מֶען דֶען מַאכְן? הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט דָארְטְן, אוּן וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ הָאבְּן זִיךְ עֲשִׁירִים פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן צוּלִיב קִנְאָה, פְלֶעגְט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זָאגְן: דִי גוּפִים זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט, אָבֶער דִי הֶערְצֶער זֶענֶען אַזוֹי וַוייט.

## ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט עֶטְץ מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר עֶטְץ זָאלְטְס עֶנְק נִישְׁט לָאזְן נַארְן. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד,

עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן טו): אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ עִנְיָן פוּן מִשְׁפָּט, אַז מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין שַׁחֲרִית? וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין מִנְחָה? וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין מַעֲרִיב? וִוי אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף מִיט דִי הַנְהָגָה? מִיט יֶענֶע הַנְהָגָה? אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ דָאס בְּרֶענְגְט אִים דִי יִרְאָה, אוּן דָאס אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל עֶס אִיז דָא צֶען לְשׁוֹנוֹת פוּן תְּפִלָּה (מֶדְרָשׁ רַבָּה דְבָרִים, פַּרְשָׁה ב, סִימָן א). דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זי"ע בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר 'שַׁעַר הַתְּפִלָּה' [וָואס אִין דֶעם סֵפֶר רֶעדְט עֶר פוּן דִי צֶען לְשׁוֹנוֹת הַתְּפִלָּה,] אַז חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אִיז אוֹיךְ אֵיינֶע פוּן דִי לְשׁוֹנוֹת הַתְּפִלָּה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אָן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכח): מֶען קֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיךְ, אָבֶער אִיךְ רוּף זֵיי אָן פְּלֵיטֶעס, צוּדְרֵייטֶע, מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל. וַוייל אָן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת,

מֶען טוט אַלֶעס צוּפְלוֹיגֶענֶערְהֵייט, מֶען טַאנְצְט, מֶען שְׁפְּרִינְגְט, אוּן מֶען אִיז פָּשׁוּט אַ צוּדְרֵייטֶער, אוּן מֶענְטְשְׁן רוּפְן דָאס נָאךְ אָן אַז מֶען אִיז אַ עוֹבֵד, אָבֶער אַז מֶען הָאט דֶעם יִשּׁוּב הַדַעַת, דַארְף מֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, מֶען קֶען זִיצְן שְׁטִיל, אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דַאוֶועגֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְווֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. דֶערְפַאר קֶען דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְנֶעמֶען דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וָואס הֵייסְט אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן רֶעדְן? אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם מוֹרָא׳דִיגֶע כְּפִירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן דִי אֶמֶתֶ׳ע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואלְט אִים נִישְׁט שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וַוייל עֶס פֶּעלְט אִין דִי אֱמוּנָה, פֶּעלְט אִים אוֹיךְ דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פַארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? וַוייל דֶער הַארְץ אִיז אִים אָנְגֶעלֵייגְט מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי עֵצָה צוּ דֶעם אִיז אַז

מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז בְּחִינַת מִשְׁפָּט (עַיֵּין שָׁם).

און מֶען דַארְף זֶעהְן מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מוֹרָא׳דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט): יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אֲפִילוּ נָאר אֵיין דִין. וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶועןן דֶער יְסוֹד נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז גֶעוֶועןן אַיינְגֶעפִירְט אַז אִין דֶעם תְּפִלִין בַּייטְל אִיז גֶעוֶועןן אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקָּטָן, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶועןן גֶעדְרוּקְט נָאר מְחַבֵּר רַמָּ״א.

און וָואס אִיז טַאקֶע דֶער אוֹיפְטוּה פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ? נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד און רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קוּמְט עֶר צוּ אַ בְּחִינַת בִּטּוּל אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נב),

קֶען דָאס אָבֶער זַיין מְסוּכָּן אוֹיכֶעט, וַוייל שַ״ץ יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיכֶעט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן גֶערֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, הָאבְּן זֵיי אָבֶער נָאכְדֶעם גֶעטוּעֶן כָּל דָבָר אָסוּר אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ נִאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הֶפְקֵרוּת.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זַיין בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער פַארְלִירְט עֶר דֶעם גַאנְצְן חוּשׁ, אוּן אוֹיבּ אַזוֹי מֶעג מֶען שׁוֹין טוּעֶן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט רִירְן דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, נָאר יֶעדֶע זַאךְ זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִינְגַאנְצְן לוֹיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דֶער וֵוייצֶענֶער רָב פוּן שִׁיקַאגָא זי״ע, הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁלֹמֹה בָּאבּוּבֶ׳ער זי״ע, אַז מֶען זֶעהְט אַן אִינְטְרֶעסַאנְטֶע זַאךְ: אִין אוֹרַח

חַיִּים, יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֶזֶר, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְוִי 'פְּשָׁרָה', עֶס אִיז נָאר דָא גְרָאדֶע הַלָכוֹת, אָבֶער אִין חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט אִיז דָא פְּשָׁרוֹת, וַוייל בֵּין אָדָם לַמָּקוֹם אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּשָׁרוֹת, אוּן אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער, בֶּעט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, אָבֶער בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ דָארְטְן אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פְּשָׁרוֹת אַז אֵיינֶער זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן.

בַּיי אִידְן וַוייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן גוֹיִם אוּן פוּן גוֹי'אִישֶׁע מִנְהָגִים, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קעח, סְעִיף א), אוּן אַז אַ גוֹי גֵייט אַזֶעלְכֶע שִׁיךְ דַארְף מֶען גֵיין מִיט פַארְקֶערְטֶע שִׁיךְ, אוּן אַז דֶער גוֹי טְרִינְקְט אַזוֹי, וֶועל אִיךְ טְרִינְקֶען אַנְדֶערְשׁ, וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַ גוֹי, אוּן וָואס דֶער גוֹי טוּט, מַאךְ אִיךְ פַארְקֶערְט, דָאס אִיז אוּנְזֶער מִצְוָה.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנוּ - דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, עֶטְץ זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אָפְּנַארְן, אָבֶער אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי יְסוֹדוֹת, דֶעמָאלְטס קֶען אִים קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין.

אֵיין טָעוּת הָאבּ אִיךְ גֶעטוּעֶן, (וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט טְעוּתִים, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט זָאגְן, אִיךְ בִּין אַ כְּלִיל הַשְּׁלֵמוּת אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין טְעוּתִים, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַ שַׁקְרָן אוּן אַ נַעַר, אוּן עֶר מַאכְט דִיר אוֹיךְ צוּ נַעַר) אוּן מֶען דַארְף דָאס וִויסְן: זִיךְ נִישְׁט צוּ מִתְוַכֵּחַ זַיין מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן; וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹרָא׳דִיג מְסוּכָּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר אַ חַיָה **בִּדְמוּת אָדָם**. אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס וִויסְן? נָאר שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו): **מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה**, פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען וִויסְן וֶוער דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט לוֹיט וִוי עֶר הַאלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן סו): יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה מוּז דוּרְכְגֵיין דֶעם דִבּוּר. אוּן אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן

**נִיבּוּל פֶּה**, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): **מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן.** דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: אַ יֶעדֶע זַאךְ מוּז אַדוּרְךְ גֵיין דֶעם דִבּוּר, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קיג).

ווֶעגְן דֶעם אִיז נִישְׁט כְּדֵי מִיט קֵיינֶעם אַרַיין צוּ גֵיין אִין וִיכּוּחִים, אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאר מִשְׁפָּט׳ן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דָאס וָואס אִיךְ טוּ עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז אִיךְ רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דַארְף אִיךְ זֶעהְן אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס טַאקֶע, אָבֶער פוּן אַן אַנְדֶערְן דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, וַוייל אַזוֹי ווִי אִין קֶבֶר וֶועל אִיךְ לִיגְן אַלֵיין, פַארְוָואס זָאל אִיךְ בְּחַיִּים חִיּוּתִי נִישְׁט גֵיין אַלֵיין?! נָאר כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת מוּז מֶען הָאבְּן **נְקוּדַּת הֶחָבֵר**, וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד), אָבֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען מְקַבֵּל זַיין **נְקוּדַּת הָרַב**; אַסַאךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם

הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים בִּיז עֶס זָאל זַיין שָׁגוּר עַל פִּיו, אוּן אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אִיז מֶען נִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, אוּן מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים אִיז דָאס זַיין רֶבִּי.

דֶער תַּנָּא זָאגְט (אָבוֹת ה, כב): **כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ שְׁלֹשָׁה דְבָרִים הַלָּלוּ מִתַּלְמִדָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, וּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים הוּא מִתַּלְמִדָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע.** אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען פַאר פִיר טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ? בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען פַאר דְרַיי אוּן אַ הַאלְבּ טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק וְוי אַזוֹי אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע? זָאגְט דֶער תַּנָּא אַזוֹי: אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַ ׳עַיִן טוֹבָה׳ מִיט אַ גוּט אוֹיג, עֶר פַארְגִינְט יֶענֶעם ׳וְרוּחַ נְמוּכָה, וְנֶפֶשׁ שְׁפֵלָה׳ אִיךְ וֵוייס וֶוער אִיךְ בִּין אוּן אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן, דֶעמָאלְטְס בִּין אִיךְ ׳**מִתַּלְמִדָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ**׳, וַוייל אַז אִיךְ פִיר זִיךְ הַיינְט אַזוֹי וְוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּין אִיךְ זַיין תַּלְמִיד. פַארְקֶערְט

אַז מֶען הָאט אַ ׳עַיִן רָעָה׳ אַ שְׁלֶעכְטְן אוֹיג וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן ׳רוּחַ גְּבֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה׳ דֶעמָאלְטְס: ׳מִתַּלְמִדָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע׳. עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָּה אַז פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ דָא מִיט אוּנְז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קצב): **פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ** לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סֵפֶר אִיז מֶען זִיךְ מְדַבֵּק מִיט אִים.

אוּן דָאס פַארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מַה בֵּין **אַבְרָהָם לְבֵין בִּלְעָם**, וַוייל צְוִוישְׁן זֵיי אַלֵיין הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן אַ חִילוּק. וַוייל בִּלְעָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּעֶן מִיט אַלֶע שְׁמוֹנָה בְּגָדִים אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה פּוּנְקְט וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן נז): **בִּלְעָם הָרָשָׁע** הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פָּסוּק (תְּהִלִּים כט, י): **ה׳ לַמַּבּוּל יָשָׁב**, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַ גַאנְצְן דְרוּשׁ אוּן אַ תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט. אוֹיבּ אַזוֹי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אַבְרָהָם אוּן בִּלְעָם? נָאר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קמ): וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ זִיגְל, זֶעהְט מֶען דִי אוֹתִיוֹת פַארְקֶערְט, נָאר וֶוען מֶען סְטֶעמְפְּט דָאס אַרָאפּ אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ דֶעמָאלְטְס אִיז דָאס גְלַייךְ. טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב לז, ז): **וּבְיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ**, דֶער צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן ׳כָּל׳, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי וִוי אַ סְטֶעמְפּ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט זֶעהְן, נָאר וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זֶעהְן וֶוער דֶער צַדִיק אִיז? **לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ**, אַז דוּ זָאלְסְט זֶעהְן זַיינֶע תַּלְמִידִים וָואספַארַא תַּלְמִידִים עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. וֶועגְן דֶעם כַאפְּט דֶער מִשְׁנָה אָן דֶעם לָשׁוֹן ׳מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִדָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע׳ וַוייל נָאר אוֹיף דִי תַּלְמִידִים קֶען מֶען זֶעהְן דִי חִילוּק: אַז עֶר גֵייט מִיט אַ חוּמָשׁ, מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען שׁוֹין עֶר בַּאלַאנְגְט דָארְטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֲבֵירָה וָואס מֶען קֶען זָאגְן אוֹיף אִים, אַז עֶר גֵייט מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר גֵייט נִישְׁט אִין טַאשׁ מִיט קַיין שְׁמוּץ, אָבֶער אַז מֶען טְרֶעפְט אִים מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, זֶעהְט

מֶען צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוּרָב. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן צט): וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין קַיין שֵׁם רַע. וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן וִוי עֶס דַארְף נִישְׁט, וֶועט מֶען זָאגְן אַז דָאס הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט דָארְטְן. אָבֶּער אַז מִיר לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נס סְפָרִים אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן מְקַיֵּים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס עֵצוֹת, זֶענֶען מִיר תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אוּן מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן לה): **מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם.** וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ אַיין אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט, וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען.

## ג.

**בָּרוּךְ הַשֵּׁם** דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן וֶועלְן מִיר רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, רַשִׁ״י זָאגְט: אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעהַאט

חֲלִישׁוּת הַדַעַת וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז יֶעדֶער פוּן דִי נְשִׂיאִים הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן, נָאר עֶר אוּן זַיין שֵׁבֶט זֶענֶען נִישְׁט דָארְטְן גֶעוֶוען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ שְׁוֶוער דִיר אַז דַיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶרְס, וַוייל דוּ וֶועסְט אָנְצוּנְדֶען אוּן אוֹיסְפּוּצֶען דִי לֶעכְט. דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע בְּרֶענְגְט פוּן זַיין רֶבִּי׳ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע: דִי תּוֹרָה אִיז אַ נִצְחִיוּת, לִכְאוֹרָה וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָיךְ הַיינְט אָנְצוּצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא): אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי צְוֵויי אוֹיגְן, צְוֵויי אוֹיעֶרְן, צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, מִיטְן מוֹיל, דָאס אִיז דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת. אוּן אַז מֶען הִיט דָאס אָפּ, הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן דֶער מֹחַ טְרַאכְט שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ח.): אֵין הַיֵּצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיף

וָואס עֶר קוּקְט. דֶערְפַּאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוּן וִוידֶערְאוּם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ 'טוֹב עַיִן', קוּקְן מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג אוֹיף יֶענֶעם.

אוּן נָאכְדֶעם דִי אוֹיעֶרְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הֶערְן קַיין שְׁמוּץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ג): מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִגוּנִים פוּן רְשָׁעִים אוּן פוּן גוֹיִם, וַוייל דָאס שַׁאדְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּענֶען פוּן דֶעם.

אוּן נָאכְדֶעם דֶער חֹטֶם; מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן כַּעַס, אוּן דִי יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל זַיין וִוי עֶס דַארְף.

וְעַל כּוּלָם דֶער מוֹיל; אַז דֶער מוֹיל זָאל נָאר רֶעדְן גוּטֶע דִבּוּרִים, דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק (בַּמִדְבָּר ח, ב): **בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵרוֹת אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵרוֹת.** וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דֶער מִיטְלְסְטֶער קָנֶה, וָואס דָאס אִיז דֶער דִבּוּר, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהְן אַז זַיינֶע דִבּוּרִים זָאלְן זַיין נָאר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס עֵצוֹת,

און נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, און נָאךְ זָאגְן פוּן וואו מֶען הָאט דָאס גֶענוּמֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן און מִיר הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, און מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד): דֶער מוֹיל פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: ׳מְלָאפּוּם׳. וָואס אִיז דִי וֶוערְטֶער: מָלֵא-פּוּם, דָאס הֵייסְט, דֶער מוֹיל רֶעדְט אִים נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס הָאבּ אִיךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט, שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט ׳פוּן׳ בַּאשֶׁעפֶער, רֶעדְט מֶען ׳צוּם׳ בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְדֶעם דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו, וּבְאַרִיכוּת בְּקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד): אַלֶע מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם און פְרֶעגְן וואו שְׁטֵייט דָאס? און זֶענֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל אִיבֶּערְדֶעם, אָבֶּער מֶען דַארְף מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, זֶעהְט מֶען שׁוֹין וִוי אַזוֹי עֶס זֶעהְט אוֹיס. מֵילֶא

אַז עֶס זיצְט אַ אִינְגֶערְמַאן און עֶר לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג פון אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיף דֶערְנַאכְט 'בְּעִיּוּן', קוּמְט אִים כָּל הַכָּבוֹד, און אִיךְ בִּין אִים מְקַנֵא, אָבֶער מֶען דַארְף דָאךְ אָנְקוּקְן זִיךְ אַלֵיין, וֶוער בִּין אִיךְ?! אִיךְ בִּין אַ פְּרָאסְטֶער און גֶעמֵיינֶער יוּנְג, און אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין חוּמָשׁ, קַיין מִשְׁנַיּוֹת, קַיין גְמָרָא, און דָא קוּמְט אַ רֶבִּי און עֶר גֶעט אִין מִיר אַרַיין אַ חַיּוּת, און אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, און אַזוֹי בִּין אִיךְ מְסַיֵּם יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָּׂכָר דֹּב זִי"ע הָאט גֶעזָאגְט: אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

און דָאס זֶעלְבֶּע מִיט מִשְׁנַיּוֹת, אִיךְ פַּאנְג אָן לֶערְנֶען און זָאגְן אֵיינְמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה און נָאכְאַמָאל, און אִיךְ זֶעה אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי מֶען הָאט מִיר אַיינְגֶערֶעדְט, אִיךְ זֶעה אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ, אֵיי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּבְּרֶעכְט מִיר, אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, מַאךְ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן,

נָאר אִיךְ מַאךְ מִיר אַ פָּשׁוּטְן חֶשְׁבּוֹן וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּעֶן?! וַוייל עֶס קֶען דוּרְךְ גֵיין דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, אוּן אֲפִלוּ אֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן כָאטְשִׁיג שַׁ״ס בַּבְלִי, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, אָבֶּער כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, אִיז עֶס אַזוֹי גְרִינְג, וַוייל מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי נֶעמֶען דִי גְמָרָא אוּן אָנְהֵייבְּן אַבִּיסֶעלֶע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן ז״ל: אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט. אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל בַּ׳בְלִי אַבִּיסְל יְ׳רוּשַׁלְמִי אַבִּיסְל תּ׳וֹסֶפְתָּא, וָואס דוּרְךְ דֶעם בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטוּבּ [בַּיִ״ת]. אוּן דָאס וֶועט מֶען זֶעהְן בַּיים סוֹף, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט קֶען לִיגְן צְוֵויי נִפְטָרִים, אִין אֵיין אָרוֹן לִיגְט דָארְט אַ בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶר הָאט זוֹכָה גֶעוֶוען צוּ מֶדְרָשׁ רַבָּה, אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא מִיטְן זוֹהַר אוּן תִּקּוּנִים, אוּן אִין דֶעם אַנְדֶערְן אָרוֹן לִיגְט אַגַאנְצֶע בַּארְג מִיט צֵייטוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט

אָפְּגֶעלֵיינְט אִין דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, אוּן דָארְטְן הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ אַנְדֶער עִנְיָן.

דֶערְפַאר לָאמִיר מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דֶער עִיקָר זִיךְ רֵיינִיגְן דִי ׳שִׁבְעָה נֵרוֹת׳, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל, אוּן דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, **עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ**. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט): דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא ׳עוֹלָם הַזֶה׳. אִיךְ זֶעה נִישְׁט קַיין ׳עוֹלָם הַזֶה׳, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזֶעלְכֶע צָרוֹת. אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין אִיז אוֹיף אַ בָּחוּר, וַוייל וָואס זָאל עֶר טוּעֶן?! דֶערְפַאר דַארְף מֶען מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן בָּחוּר, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ אוּן אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן חַתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶּערְצְן פוּפְצְן יָאר, אוּן הַיינְט אִיז דָאס לֵיידֶער נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט, וֶועגְן דֶעם אִיז אוֹיף אַ בָּחוּר אַ בִּיטֶערֶער רַחְמָנוּת.

אָבֶער עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ יוּנְגֶערְמַאן אוֹיכֶעט, מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ׳, דָאךְ אָבֶער וֶוען מֶען זָאל נוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס עֵצוֹת הָאט מֶען דָאךְ מוֹרָא׳דִיגֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל פַּת בְּסַלּוֹ הָאט אַ יוּנְגֶערְמַאן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס פֶּעלְט אִים אִיז ׳שֵׂכֶל׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פט): **הַדַּעַת מְשַׁדֵּךְ כָּל הַשִּׁדּוּכִים.** מֶען דַארְף וִויסְן לְגַבֵּי שָׁלוֹם בַּיִת, אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב, אוּן דֶעם דַעַת בַּאקוּמְט מֶען פוּנֶעם צַדִּיק.

[אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר יוּנְגֶעלַייט וָואס זֵיי זָאגְן אַז מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? דֶער תֵּירוּץ אִיז פָּשׁוּט, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ חַיָה אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר. קַיין גוּט וָוארְט זָאגְט עֶר נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ, גֶעלְט גֶעט עֶר אִיר אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי אַרְבֶּעט אוּן עֶר נֶעמְט נָאךְ צוּ אִיר גֶעלְט אוֹיכֶעט, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִיר דִי כַּעַס אוּן דִי רְצִיחָה, וָואס

קֶען זִי צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם מַאן? אַז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּט זִי אַלֶע פְּעוּלוֹת אִים צוּ שְׁטֶערְן, אוּן אִים צוּרִיק וֵויי צוּ טוּהְן. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטְן חֵשֶׁק אוֹיךְ נִישְׁט, וַוייל וֶוען עֶר הָאט וֶוען אַ גוּטְן חֵשֶׁק אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן קַיין אָפְּהַאלְט, וַוייל עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ אִיד ר׳ שְׁמוּאֵל מָרְדְכָי, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שָׁעָה אִין טָאג, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶערוּפְן: דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע שָׁעָה, אִין דִי שָׁעָה אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, וַוייל עֶר דַארְף אַ שָׁעָה רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט גָארְנִישְׁט.

אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז מַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין אַרוֹיס, אוּן אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט מֶען מִיר זָאגְן: דוּ וֵוייסְט דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, אָבֶּער דָארְטְן אוּן דָארְטְן אִין דִי טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען דִיר פַארְרֶעכְטְן, דֶעמָאלְטְס

וַוארְט נִישְׁט דִי נְשָׁמָה און טְרַאכְט נִישְׁט, נָאר זִי פְּלִיעֶט און לויפְט גְלַייךְ אַהִין, און בֶּעהְט: אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן. נָאר פַארְוָואס אִיז דָאךְ דָא מְנִיעוֹת? וַוייל מֶען פִירְט זִיךְ אויף אַ גַאנְץ יָאר וִוי אַ פֶּרֶא אָדָם אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט און מֶען הֶעלְפְּט אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ, און דִי וַוייבּ זֶעהְט אַז מַיין מַאן אִיז מִיר גֶעטְרֵיי, דֶעמָאלְטְס טְרַייבְּט זִי אִים שׁוֹין ראֹשׁ הַשָּׁנָה עֶר זָאל גֵיין.]

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל עֶר זִיךְ אויף פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַדְרַבָּה זָאל זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַ רוּאִיגֶע פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, און אַז עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרער שְׁטוּבּ, זָאל עֶר אַרַיין לֵייגְן מֶער כּוֹחוֹת, אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן: מַיין וַוייבּ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מְכַשֵּׁפָה, מַיין וַוייבּ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רְשַׁע׳נְתֶע. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וַוייל עֶס אִיז אַ בֵּיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶס אִיז תָּלוּי אִין דִיר, און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מֶענְטְשְׁלִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעם, אָבֶּער אֲפִלוּ

נִישְׁט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז דָאס אִיז זַיינֶע עֲווֹנוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כב): מִיר זָאגְן בַּיי דִי סְלִיחוֹת **׳אִם עֲווֹנֵינוּ עָנוּ בָנוּ׳**. וֶוער שְׁרֵייט? דִי עֲווֹנוֹת! אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה טוּהְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט זִי זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן: **אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יֹאמַר חֲזַק**, אוּן אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע: אִיר זָאלְט בֶּעטְן פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶס שְׁטֵייט (בָּבָא קַמָּא, צב.): **הַמִּתְפַּלֵּל בְּעַד חֲבֵירוֹ וְהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָבָר הוּא נֶעֱנֶה תְּחִלָּה**, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אַלֶעמֶען שִׁיקְן רְפוּאוֹת מִיט יְשׁוּעוֹת.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז דָא בִּלְבּוּלִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א,

סִימָן ס): יֶעדֶער טָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן עֶנְג אוּן שְׁמָאהְל, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זֶעהְן אַז נָאכְדֶעם זָאל עֶס וֶוערְן בְּרֵייט. וַוייל יֶעדְן טָאג וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן מְבוּלְבָּל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן פד): יֶעדְן טָאג וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, זֶענֶען דָא נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים וָואס זֶענֶען מְבַהֵל אוּן מְבַלְבֵּל דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דִי קְלִיפּוֹת. מֶען דַארְף זִיךְ דֶער עִיקָר הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְן מִיר מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה אִין דִי זַאךְ, אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כז; וְעַיֵּין בְּקִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן): **לִמְשֹׁךְ אֶת כָּל הָעוֹלָם לַעֲבוֹדָתוֹ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד**, צוּ צוּצִיעֶן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז אַלֶע זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, דָאס וֶוערְט לוֹיט דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, וָואס דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי זִיךְ חוֹקֵר אוּן מַסְבִּיר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי אַרוּם קֶען

מֶען זיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם אֱמֶת. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם, וַוייל דֶער וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער טִפֵּשׁ, עֶס אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ חָכָם, אוֹיךְ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ פַאבְּרִיק וָואס מֶען פַארְקוֹיפְט דָארְט חָכְמָה, דֶערְפַאר מֶעג מֶען דָאךְ הֶערְן אַ עֵצָה פוּן אַ אַנְדֶערְן אוֹיךְ, אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ אִיז נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל מֵיינֶען דֶעם אֱמֶת, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה, חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קד.): **׳קוּשְׁטָא קָאֵי שִׁקְרָא לֹא קָאֵי׳.** דֶער אֱמֶת בְּלַייבְּט, דֶער שֶׁקֶר פַאלְט אַוֶועק. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט גָאר גָאר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעה אִיךְ דִי פֵּירוֹת אוּן פֵּרִי פֵּירוֹת, פַארְוָואס? וַוייל קוּשְׁטָא קָאֵי, דֶער אֱמֶת בְּלַייבְּט, שִׁקְרָא לֹא קָאֵי, דֶער שֶׁקֶר פַאלְט נָאכְדֶעם אַוֶועק.

וֶועט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן וָואס אִיז דֶער אֶמֶת וָואס אִיז דֶער שֶׁקֶר? אֶמֶת אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ אִיז אֶמֶ״ת דִי וֶוערְטֶער: אֶ׳הְיֶה מֵ׳ת, אִיךְ וֶועל זַיין אַ מֵת, דָאס אִיז דֶער אֶמֶת. שֶׁקֶר אִיז דָא אַסַאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נא).

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן נָאר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ צִיעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחֲלוֹקֶת, וַוייל דֶער גַאנְצֶער תַּעֲנוּג פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז אַז עֶר קֶען מַאכְן מַחֲלוֹקֶת אוּן פִּירוּדִים, וָואס וֶועגְן דֶעם לַיידְן מִיר דֶעם גָלוּת, אָבֶער בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען זֶעהְן עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

**~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

## הספר הקדוש הזה
## נדפס לזכות

## יואל בן ריצא רעכיל נ"י
## וזוגתו
## אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'

## וילדיהם
**שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

**הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.**

בס"ד

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלום

# פרייליכע
# נייעס!




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

282 • DESIGN | 845.406.4250